בס"ד

# טייערע עלטערן

## וויכטיגע סקול באס סעיפטי באקאנטמאכונג
## העלפט אונז פארזיכערן אייערע קינדער ווען זיי גייען צום שולע און אהיים

**עס זענען פארהאן פארשידענע קינדער קליידער וועלכע קענען פאראורזאכן א געפאר ווען אייער קינד גייט ארויף צום באס אדער אראפ. ספעציעלע געפארן זענען**

- לאנגע מאנטלען אדער לאנגע אויסגעצויגענע בענדליך
- לאנגע פאסיקעס פונעם שולע טאשקע
- לאנגע שאל אדער קליידער וואס איז לויז

דאס קען פאראורזאכן אז די פריער ערוועגטע זאכען זאל שטעקן בלייבן אינעם האנט אנלאנער אדער אינעם טיר אדער אין אן א באשטאנדענטייל וואס איז באהאפטען צום באס בשעת דאס קינד גייט אראפ פון באס

**אין די לעצטערע יארן זענען געוועהן פעלער אין אמעריקע וואו קינדערס קליידער האבען זיך אנגישטאלפערט ווען זיי זענען אראפ פון באס עטליכע קינדער זענען געשלעפט געווארן ביי זייער באס צוליב דעם און זענען ל"ע אומגעקומען ווען זייער באס איז אריבער געפארן די קינדער**

**ביטע נעמט אייך די צייט און מי צו באקוקען אייערע קינדערס קליידער צו מאכען זיכער אז עס איז נישט קיין געפאר. ווי אויך ביטע רעדט צו אייערע קינדער וועגען די וויכטיגע סעיפטי געזעצן**

- שטייט אוועק פונעם "געפאר פלאץ" פון ארום דעם באס
- נישט אויפהייבען אראפגעפאלענע זאכען ביים באס ווארום דער באס דרייווער זעט אייך נישט

**געדענקט** אז אנדערע דרייווער שטעלן זיך נישט אלס אפ פאר אן אפגישטעלטע סקול באס דעריבער זייט שטארק פארזיכטיג ווען אימער מען גייט אראפ פונעם באס

**SCHOOL BUS SAFETY IS A TEAM EFFORT**
**NOTHING IS MORE PRECIOUS THAN A CHILD’S LIFE**

*Courtesy of the Pupil Transportation Safety Institute: 800-836-2210 or 315-475-1836*